# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' ויחי
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"א

## פראגע

### איז אויסגעהאלטן פאר א בן תורה צו לערנען אין כולל אויפ'ן חשבון פון זיין פאמיליע וואס לעבט אין ענגשאפט?

## ענטפער:

**און** דער ענטפער איז, אז ס'איז א גמרא. אויף די ווערטער אין שיר השירים, "שחורות כעורב" – שווארץ ווי א ראב-פויגל, זאגט די גמרא (עירובין כב, א): "במי אתה מוצא דברי תורה" – ביי וועם טרעפט מען הצלחה אין לערנען תורה? "במי שמשחיר פניו עליהם כעורב" – ביי דעם וואס מאכט זיך שווארץ זיין פנים ווי אן עורב; ער פארמינערט אזויפיל פון זיין גשמיות'דיגע לעבן אז ער ווערט שווארץ ווי א ראב-פויגל.

און די גמרא איז ממשיך: "רבא אמר, במי שמשים עצמו אכזרי על בניו ועל בני ביתו כעורב" – רבא זאגט, אז הצלחה אין תורה וועט מען נישט טרעפן – דאס מיינט קיינער וועט נישט מצליח זיין אין לימוד התורה – חוץ אויב ער איז אן אכזר אויף זיין ווייב און קינדער אזוי ווי אן עורב.

וואס מיינט דאס? עס מיינט אז א מענטש וואס וויל האבן סוקסעס אין תורה, דארף ביי זיך אפמאכן אז ער גייט נישט האבן די זאכן וואס אנדערע האבן.

אסאך מאל ווערט ער אנטוישט. צומאל איז א מענטש א בן תורה און ער ווערט פונקט אן עושר... עס פאסירט צו זייער אסאך מענטשן. ס'איז איבערראשענד וויפיל מענטשן זענען רייך געווארן אפילו זיי האבן אנגעהויבן מיט גארנישט!

ווען רבי עקיבא האט חתונה געהאט האט זיין ווייב אים געזאגט ער זאל גיין לערנען תורה, און דערווייל האבן זיי געוווילט שנה ראשונה אין א היי-שטאק. זיי האבן נישט געהאט קיין פלאץ צו שלאפן. אינדערפרי האבן זיי געדארפט ארויסקלויבן די שטרוי פון זייערע האר, אזוי ארים זענען זיי געווען. אמאל איז אן ארימאן געקומען און זיי געבעטן אז זיי זאלן אים געבן אביסל שטרוי. דעם ארימאנ'ס ווייב האט געבוירן א קינד און זי האט געדארפט אביסל שטרוי אויף וואס צו שלאפן.

האט רבי עקיבא געזאגט פאר זיין כלה, "דו זעסט, עס זענען דא מענטשן וואס זענען נאך ארימער ווי מיר זענען. כאטש האבן מיר שטרוי."

די ענדע איז געווען אז ער איז געווארן א מיליאנער. ער איז נישט אריין אין ביזנעס אבער ער איז געווארן זייער רייך. עס זענען דא אסאך מענטשן וואס האבן געלערנט תורה און געווארן רייך. ווי מאדנע עס הערט זיך, אויב מ'קוקט צוריק אין היסטאריע זעט מען אז ס'איז געשען.

אבער זיי האבן נישט געפלאנט אז ס'זאל געשען. זיי זענען גרייט געווען אלעס אויפצוגעבן פאר די תורה.

ס'איז א וואונדערליכע זאך. מען זעט די מענטשן וואס לערנען תורה אין ירושלים למשל, זיי האבן נישט קיין שום פרנסה, און זיי האבן אסאך קינדער, און דאך וואקסן זייערע קינדער אויף שיין-אויסקוקנדע געבויטע מענטשן, און זיי האבן אלע גוט חתונה און בויען זייערע אייגענע שטיבער.

ס'איז אן איינדרוקספולע זאך! מענטשן וואונדערן זיך, וויאזוי קען עס זיין? מען דארף זיין א מיליאנער חתונה צו מאכן 14 קינדער! און די מענטשן האבן ניטאמאל דורכצולעבן דעם טאג! אבער אזוי איז עס. דער אויבערשטער טרעט אריין אין בילד און העלפט זיי ארויס.

יעצט אויב א מענטש איז וויליג זיך צו מצער זיין כדי צו לערנען, האט ער א רעכט צו זאגן פאר זיין משפחה, "מיר גייען לעבן

זייער א געצווימטע סארט לעבן.״ אבער טאמער א מענטש איז סתם א פוילער שטריק; אויב ער גלייכט זיך אפצורוען און ער גייט זיך נישט אנשטרענגען צו לערנען פלייסיג, דאן פארגעס דערפון. לאמיר זאגן ער קומט אין כולל 10:30 פארמיטאג נאכן דורכליינען דעם גאנצן צייטונג. און דאן ביי מיטאג נעמט ער נאך א שעה אהאלב אדער צוויי, און ביינאכט פוילעצט ער אויך. מען זעט אים אסאך מאל אויפ׳ן גאס אינמיטן סדר. אזא מענטש איז טאקע אן אכזר אויף זיין פאמיליע, אבער פאר זיך איז ער גוטהארציג. ער לעבט זיך רואיג און זיין פאמיליע ליידט.

אבער אויב א מענטש פייניגט זיך אליינס און ער איז גרייט צו זיצן אין ארימקייט כדי צו לערנען תורה, האט ער א רעכט צו בעטן זיין משפחה זאל אנטיילנעמען אין זיין מיסיע. אודאי קען ער זיי נישט לאזן הונגערן, אבער ער האט א רעכט צו זיין ׳אכזריות׳דיג׳ צו א געוויסע מאס.

דאס מיינט נישט אז ער איז באמת שטייף קעגן זיי. ער איז א גוטהארציגער טאטע; ער איז א ליבליכער טאטע. ס׳איז נישט קיין שום ספק. אבער ער איז נישט מחויב צו געבן זיין משפחה מער ווי די מינימום געברויכן, אויב טוען זיי עס פאר דעם גרויסן ציל פון לערנען תורה.

נאכאמאל, איך זאג אויב א מענטש איז נישט גרייט זיך אריינצוואווארפן מיט זיין גאנצע הארץ אין תורה, נוצט ער פשוט כולל אלס א תירוץ צו לעבן אן אומ׳אחריות׳דיגן לעבן, דעמאלטס איז ער זיכער גארנישט חוץ אן אכזר און א זעלבסטזיכטיגער פארשוין. (#320)

## פראגע

**פארוואס בענטשן מיר אונזערע קינדער צו זיין ווי אפרים און מנשה? פארוואס נישט ווי די אבות?**

## ענטפער:

**דער** אמת איז, אויב מען קוקט אין די חומש וועט מען טרעפן אז מ׳וואונטשט אויך זיי זאלן זיין ווי די אבות, אבער אפרים און מנשה ווערן דערמאנט פאר זייער א וויכטיגער צוועק.

דער איבערשטער וויל די **ריבוי** פונעם עם ישראל. ער וויל אסאך אסאך מענטשן אין זיין פאלק. **ווי מער קינדער איר האט אלס מער האט אייך דער באשעפער ליב.** אפרים און מנשה זענען געווען בלויז צוויי קינדער פון יוסף און האבן פראדוצירט זייער גרויסע שבטים. ״והם רבבות אפרים והם אלפי מנשה״ (דברים לג, יז) – זיי זענען די צענדליגער טויזנטער פון אפרים און די טויזנטער פון מנשה. במילא, די ברכה איז אז זיי זאלן צו פארמערן פון פארטאפלען.

איר ווייסט, ווען ס׳איז דא א חופה, זיצט די כלה אויף איר שטוהל ארומגענומען מיט אלע פרויען. דער חתן און זיין טאטע און די אנדערע קומען צו די כלה און געבן איר א ברכה. צווישן די ברכות זאגן זיי ווי פאלגענד: ״אחותינו את היי לאלפי רבבה״ – דו זאלסט ווערן צו צענדליגער טויזנטער. דאס איז א גרויסע ברכה! דער איבערשטער וויל אסאך בני ישראל.

מיר באגרייפן נישט וויפיל ער פריידט זיך און ציילט יעדן איד. ״מי מנה עפר יעקב ומספר את רובע ישראל״ (במדבר, כג, י). דער איבערשטער שטייט און רעכנט, יעדע קליינע אינגל אדער מיידל וואס ווערט געבוירן. דער איבערשטער ציילט זיי. ער ציילט יעדע בעבי, ער דערקוויקט זיך מיט זיי, און וועגן דעם איז דער איבערשטער א גאסט ביי יעדע חתונה.

איר ווייסט, השי״ת אליינס קומט צו יעדע חתונה! די חתן און כלה זענען אונטער די חופה און די שכינה איז אויך דארט, ווייל ער איז א גרויסער שותף. ער איז זייער אינטערעסירט און ער וויל אז עס זאל ארויסקומען א גרויסע משפחה.

ווען איר זעט א אידישע מאמע שטיפן א בעבי-וועגעלע אויפ׳ן גאס, צוויי בעביס אינעווייניג און נאך פינף לויפן ביי די זייטן און כאפן זיך אן אינעם וועגעלע, די שכינה פארט אויפ׳ן גאס! מאכט נישט קיין טעות דערוועגן, ס׳איז די שכינה; דער איבערשטער טראכט וועגן זיי.

דערפאר, יא, מיר ווילן זיי זאלן אויסוואקסן ווי אברהם, יצחק און יעקב, און שרה, רבקה, רחל און לאה. אבער מיר ווילן אויך די מספר, דאס איז זייער א וויכטיגע חלק. וועגן דעם איז די ערשטע ברכה ״ישימך אלקים כאפרים וכמנשה״ – דער איבערשטער זאל דיר מאכן ווי אפרים און מנשה. קודם האב אסאך קינדער. דאן וועט מען זיך שוין זארגן וועגן זיי מאכן פאר גרויסע צדיקים ווי די אבות.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו״ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו״ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט״א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס**

אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב